**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקלערט עמערדזשענסי צושטאנד איבערן סטעיט שטייענדיג בעפאר שטורעם ערווארטעט צו פארשווערן צו פארן דורכאויס די האלידעי דאנערשטאג נאכט ביז מאנטאג**

***שווערע רעגנס און שניי, שטארקע ווינטן, פארפלייצונגען אויף ים און טייך ברעגעס, פלוצלינגדיגע פארפרירונגען, עקסטרעמע קעלטן פון ווינטן און עלעקטריציטעט קורצשלוסן זענען אלע מעגליך דורכאויס קומענדיגע פאר טעג אזוי ווי ווינטער שטורעם רוקט זיך אריבער ניו יארק סטעיט***

***פון 6 אינדערפרי פרייטאג — פולשטענדיגע פארבאט פאר ביזנעס וויהקעלס אויף NYS טרו-וועי (I-90) צווישן עקזיט 46 (ראטשעסטער, I-390) און די פענסילווייניע גרעניץ, און 'ווייכע' אפשפארונגען אויף אינטערסטעיט און סטעיט הייוועיס אין מערב ניו יארק***

***ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס לייגן צו נאך 2,200 דרויסנדע ארבעטער זיך צו אפרופן צום שטורעם; סטעיט פלאטעס און שטאבן זענען גרייט צו ארויסגעשיקט ווערן צו באטראפענע געגנטער***

***גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער וועלכע פארן פאר די האלידעיס צו ארויסגיין דאנערשטאג אדערווארטן ביז זונטאג ארויסצופארן, אזוי ווי די אומשטענדן אויפן ראוד ארום די סטעיט וועלן זיין סכנות'דיג פרייטאג און שבת***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט דעקלערט אן עמערדזשענסי צושטאנד אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט אין ערווארטונג פון א שווערע ווינטער וועטער וואס איז ערווארטעט צו ברענגען מיט זיך א געמיש פון פארשידענע סכנות ארום די סטעיט אנגעהויבן פון דאנערשטאג אוונט און אנגייענדיג ביז מאנטאג. שווערע רעגנס און שנייען, שטארקע ווינטן, פארפלייצונגען אויף ים און טייך ברעגעס און פלוצלינגדיגע פארפרירונגען זענען אלע מעגליך אין פארשידענע ראיאנען ארום די סטעיט דורכאויס די סוף וואך פון די האלידעי. אין צוגאב איז א 'לעיק עפעקט' שניי ערווארטעט צו באטרעפן געגנטער לענגאויס די ערי און אָנטאַריאו לעיקס אנגעהויבן פרייטאג צונאכטס און פארזעצנדיג אריין אין מאנטאג, מיט א סך הכל אנגעזאמלטע שניי געשאצט צו אנקומען צו ביז אזויפיל ווי דריי פיס.

"מיט די נאטור ווארפנדיג אלעס וואס זי האט נאר אין אונזער ריכטונג דעם סוף וואך, מוטיג איך ניו יארקער וועלכע טראכטן פון פארן דורכאויס די האלידעיס דאס צו טוהן פאר פרייטאג אדער נאך זונטאג כדי צו בלייבן זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזערע אגענטורן זענען גוט צוגעגרייט, קאארדינירט און גרייט צו ארויסשיקן מיטלען און עקוויפמענט אין פאל וואס עס וועט זיין נויטיג זיך צו אפרופן צו דעם שטורעם. מיר ווילן אז אלע ניו יארקער זאלן אנקומען וואו זיי דארפן אנקומען זיכערערהייט צו קענען פייערן די האלידעיס מיט זייערע באליבטע."

פון דאנערשטאג און אריין אין פרייטאג זענען רעגן און שנייען פארגעזאגט פאר רוב פון די סטעיט מיט רעגן פון ביז אזויפיל ווי דריי אינטשעס מעגליך אין טייל פלעצער. מעסיגע ביז שווערע פארפלייצונגען

אויף די ים ברעגעס (1-2 פיס) זענען מעגליך פרייטאג אינדערפרי צוליב רעגנס און שטארקע ווינטן, און פארפלייצונגען אויף לעיק ברעגעס פון ביז אזויפיל ווי דריי פיס העכער פון די שטאפל פון וואו עס ווערט גערופן א פארפלייצונג נעבן לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאָ צוליב רעגן, צולאזטע שניי און שטארקע ווינטן.

אנגעהויבן פון פרייטאג און אריין אין שבת אינדערפרי איז א גרויסע חלק פון די סטעיט ערווארטעט צו זעהן שטארקע ווינטן פון ביז אזוי שנעל ווי 60 מ.פ.ש. אדער מער אזוי ווי די טעמפעראטורן וועלן פאלן שנעלערהייט און באדייטנד – מיט מער פון 35 גראד אין געוויסע ראיאנען – פאראורזאכנדיג פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען, קעלטן וואס פילן זיך צוליב די ווינט צו זיין אונטער זעראו גראד און אייזיגע ראודס. דאס וועט פארשווערן די רייזעס פרייטאג אינדערפרי אין מערב ניו יארק און די רייזעס אין די אוונט אין די רעשט פון די סטעיט. ווינטן אויף פרייטאג און שבת וועלן זיין גענוג שטארק צו קענען אראפווארפן בוימער און עלעקטריציטעט דראטן.

פרייטאג צונאכטס און פארזעצנדיג ביז מאנטאג וועט א 'לעיק עפעקט' שניי באטרעפן געגנטער נעבן לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאָ, און שטארקע ווינטן זענען ערווארטעט צו פאראורזאכן בלאזנדע און פליענדע שניי וואס לאזן כמעט גארנישט זעהן און לאקאלע זאווערוכעס. די באפעלאו און וואטערטאַאון געגנטער קענען זעהן ביז אזויפיל ווי דריי פיס שניי ביז זונטאג ביינאכט. פארפרוירענע טעמפעראטורן נידעריגער ווי נארמאל מיט קעלט צוליב ווינטן זענען ערווארטעט צו אנגיין ביז מאנטאג אין אפּסטעיט ראיאנען.

גאווערנער האקול האט געמוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען אלע נויטיגע באווארענונגען אויב איינער פארט די וואך און צו פלאנירן פון פאראויס פאר שווערע וועטער.

זאווערוכע ווארענונגען, ים ברעגעס פארפלייצונג ווארענונגען, לעיק ברעג פארפלייצונג ווארענונגען, הויכע ווינטן ווארענונגען, ווינטיגע קעלט ווארענונגען און ווינטער שטורעם ווארענונגען זענען אלע אין קראפט די סוף וואך ארום פארשידענע קאונטיס אריבער די סטעיט. פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואַטשעס, ווארענונגען און אדווייזאריס אריבער ניו יארק, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס ( National Weather Service) [וועבזייטל](#).

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "די צייט ווען די שטורעם איז ערווארטעט האט זיך ארויפגערוקט. אויב פלאנירט איר צו פארן דעם סוף וואך, זאלט איר טוהן אלעס וואס איר קענט צו פארן היינט נאכט אנשטאט צו ווארטן ביז זונטאג אינדערפרי. ביטע האלט זיך צוריק פון פארן פרייטאג און שבת נעמנדיג אין באטראכט די אומשטענדן וואס וועלן באטרעפן רוב פון די סטעיט. אין צוגאב צו סכנות'דיגע ראודס, וועלן שטארקע ווינטן אויך ווארשיינליך פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן. זייט גרייט פאר די מעגליכקייט פון פארלירן עלעקטריציטעט."

<u>**אגענטור פארברייטערונגען**</u>

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס האט אנגעהויבן קאארדינירן סטעיט אגענטורן אפרוף אפעראציעס, און זיי האבן זיך פארבינדן מיט לאקאלע רעגירונגען פריער די וואך שטייענדיג בעפאר די ערווארטעטע וועטערס צו זיכער מאכן אז אלע זענען גרייט. די סטעיט'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער (Emergency Operations Center) וועט זיך עפענען פרייטאג אינדערפרי.

די אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג (Office of Emergency Management) ארבעט מיט ערי קאונטי אנצוגרייטן זעגן און גענעראטארס, און זיי שיקן ארויס זאמד זעק צו די US קאָוסט גארד אין באפעלאו צו באשיצן קעגן מעגליכע פארפלייצונגען אויף די לעיק ברעגעס. דער אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל פארמאגט געצייג און שטאב גרייט צו העלפן מיט הילף פארלאנגען.

לענגאויס די סטעיט'ס צען סטאקפיילס, האט דער DHSES די פאלגנדע זאכן צו העלפן מיט שטורעם-פארבינדעטע געברויכן:

- 1,487 גענעראטארס
- 985 פאמפס
- 528 זעגן
- 250 ליכט טורעמס
- בעטן, קישענעס, דעקעס, וואסער, און MREs

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

אין פארברייטונג צו די ווינטערדיגע וועטער איבערן סטעיט דעם סוף וואך האבן ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס בערך 7,700 ארבייטער איבערן סטעיט וועלכע שטייען גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, דראטן אפהיטונג, אפרוף, פארריכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט.

- דאס רעכנט אריין נאך 800 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבייטער וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך די נעשענעל גריד,
- 330 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבייטער פארזיכערט דורך NYSEG און RG&E,
- 95 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבייטער פארזיכערט דורך Central Hudson,
- 150 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבייטער פארזיכערט דורך Orange & Rockland און
- 800 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבייטער פארזיכערט דורך Con Edison.
- DPS שטאב וועלן נאכקוקן יוטיליטי'ס רעאקציע, פארריכטונג און איבערמאכן ארבעט דורכאויס דער שטורעם און וועט פארזיכערן אז יוטיליטיס נוצן צוגעפאסטע מיטלען צו געגנטער וואס שפירן די גרעסטע אפעקט.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע טוט נאכקוקן וועטער צושטאנדן און איז גרייט צו רעאגירן מיט 3,450 אויפזעער און אפיצירן. אין צוגאב שטייען גרייט 75 ICS שטאב מיטגלידער גרייט צו שטיצן די אפרופונג מיסיעס דורכאויס די וועטער אומשטענדן. אלע אפעקטירטע וואוינארט לאקאציעס וועלן זיין גרייט מיט שטאב פאר א 24/7 אפעראציע דורכאויס דער לענג פון דעם שטורעם. מאנשאפטן קענען צוזאמגעשטעלט ווערן פאר סיי וועלכע סארט מיסיע וואס פעהלט זיך נאר אויס, ווי צוםביישפיל שניי און אייז, פארפלייצונגען, צומאלן אראפגעפאלענעביימער, אנלאדענען און אוועקשלעפן בוימער אנווייזן טראפיק, א.א.וו. אלע אוועילעבל געצייג איז גרייט צו ווערן ארויסגעשיקט.

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט גרייט זיך צו אפשפארן די פאלגנדע געסער אין ערי קאונטי פאר אלע קארן אנגעהויבן פון 6 אינדערפרי פרייטאג ביז די אומשטענדן פארבעסערן זיך:

- סטעיט רוט 400
- סטעיט רוט 219
- I-290
- I-190
- סטעיט רוט 5 (Big Tree Road ביז I-190)

אנגעהויבן פון פרייטאג מיטאג וועלן טראָקס זיין באגרעניצט צו נוצן נאר די רעכטע ליניע אויף אינטערסטעיט 81 פון עקזיט 32 (Central Square) ביז עקזיט 51 (Alex Bay).

ראַאינישע מאנשאפטן זענען יעצט פארנומען אין צוגרייטונגען פאר אלע סארטן סכנות. וואסער אפלויף סטרוקטורן ווערן אונטערזוכט און אויסגערייניגט פון שמוץ. צו ארויסהעלפן די אפרופונג אקטיוויטעטן אין קריטישע ערטער, ווערן א סך הכל פון 65 מאנשאפט מיטגלידער, אריינרעכענענדיג 59 שארער טראָק דרייווערס, 4 סופערווייזארס, 1 אסיסטענט מענעדזשער, 1 ICS שטיצע ספעציאליסט, 10 שארער טראָקס, 2 שניי בלאזערס און 1 'גרעידער' טראקטאר ארויסגעשיקט קיין מערב ניו יארק. זיי ווערן פארטיילט ווי פאלגנד:

- 3 שארער טראָקס פון צענטראל ניו יארק
- 2 שארער טראָקס, 2 שניי בלאזערס און 1 גרעידער טראקטאר פון די פינגער לעיקס
- 4 דרייווערס און 2 שארער טראָקס פון די מערב סאוטערן טיער
- 26 דרייווערס, 2 סופערווייזארס און 1 אסיסטענט מענעדזער פון די מיד-האדסאן ראיאן
- 10 דרייווערס, 1 סופערווייזאר און 3 שארער טראָקס פון די סאוטערן טיער
- 19 דרייווערס און 1 סופערווייזאר פון לאנג איילענד
- 1 ICS ספעציאליסט פון די הויפטשטאט דיסטריקט

די נויט פאר נאך מיטלען (דרייווערס, טראקס, מעכאניקער און EOI's) וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי די אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שווערע וועטערס. גענעראטארן ווערן צוגעגרייט צו ארויסגעשיקט ווערן צו ארויסהעלפן מיט קאמיוניקאציע. פלאטע מעכאניקער אין באטראפענע געגנטער וועלן שיקן מאנשאפטן צו אלע הויפט וואוינונג געגנטער 24/7 צו טוהן פאררעכטונגען און צו האלטן טראקס אויפן ראוד.די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1740 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראָקס
- 52 שלעפער שארערס
- 37 שניי בלאזער
- 338 לאודערס
- 13 בוים-קרו באקעט טראקס
- 78 טשיפערס
- 32 טראפיק סיגנאל טראקס
- 20 גרעידערס
- 73 טראקטערס מיט רעדער

פאר לעצטיגע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט [NY.org511] אדער דאנלאוד די אימזיסטע NY511 מאביל אפפ.

**טרו-וועי אויטאריטעט**

טרו-וועי מאנשאפטן שטייען גרייט ארום די זייגער זיך אפצורופן צו די שטורעם מיט 678 טראק דרייווערס און סופּערווייזארס איבערן סטעיט. די טרו-וועי האט אריבערגערוקט און ארויסגעשיקט נאך מאנשאפטן און עקוויפּמענט פון איר ניו יארק און אלבאני דיוויזיעס צו ארויסהעלפן מיט שניי און אייז אפעראציעס אין די געגנטער וועלכע האבן די פאטענציאל צו די שווערסטע באטראפן ווערן אין מערב ניו יארק.
ארויסגעשיקטע מיטלען רעכענען אריין טראק דרייווערס און סופּערווייזארס און גרויסע שארער-טראָקס.

אנגעהויבן פון פרייטאג 6 אינדערפרי וועלן **אלע קאמערציעלע קארן און טראקס** זיין פארבאטן פון פארן אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) פון עקזיט 46 (ראטשעסטער - I-390) ביז די פענסילוועיניע גרעניץ און אויף די ניאגרא טרו-וועי פון די I-90 ביז עקזיט 22 (רוט 62).

די צאלן פון טרוּוועי עקוויפּמענט און הילפס-מיטלען אין די סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 352 גרויסע און מיטלגארטיגע שארער טראקס
- 10 טאָו שארערס
- 66 לאודערס
- מער פון 119,000 טאן פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן געניצט אויף צוווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

די טרו-וועי אויטאריטעט ערמוטיגט מאטאריסטן צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס וועלכע שטעלן צו לעצטיגע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

די סטעיט פאליציי וועט ארויסשיקן נאך פאטראל קארן צו געגנטער וועלכע זענען באדייטנד באטראפן געווארן דורך די שטורעם. אלע פיר-רעדלדיגע דרייוו און ספעציעלע וויהיקלס זענען אין סערוויס, אריינגערעכנט יוטיליט ארבעט וויהיקלס און שניימאבילן.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**

DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דעם אנטוויקלענדן מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייען אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. DEC טוט צוזאמברענגען אלע אוועילעבל הילפסמיטלען ארויסגעשיקט צו ווערן מיט אגענטור שותפים און אלע  אוועילעבל מיטלען זענען אויסגעשטעלט ארויסצוהעלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי רעאגירונג.

די DEC עצה'ט פאר מענטשן וועלכע פארן אין פלעצער ווייט פון שטאט צו זיין וואכזאם און גרייט פאר ווינטער וועטערן. ווינטער הייקינג און סקיאינג זיכערהייט און גרייטקייט זענען גאר וויכטיג אפגעזען א הייקער׳ס פיזישע פעאיגקייט אדער דעסטינאציע. זיך גרייטן פאר די ווינטער וועטערן ווי עס פעהלט זיך

אויס איז קריטיש פאר א מער הנאה'דיגע און זיכערערע ערפארונג. דורכאויס תקופות פון שווערע שנייען און באלד דערנאך, שטייט אוועק פון אפענע שטחים ווי אומבאדעקטע סאָמיטס, און זיין באזונדערס פארזיכטיג ווען איר פארט אויף אדער נעבן אומבאדעקטע שיפע ערטער. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

DEC טוט דערמאנען די וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר די גרויסע-צאל אוועקנעמען און אפפירן פון שניי אויסצופאלגן די בעסטע וועגן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און פארמינערן די מעגליכקייט פאר פאלויטענטס ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדער אפפאל אין שניי פון אפעקטירן די וואסער קוואליטעט. אפפירן שניי צו לאקאלע שטראמען און טייכלעך קענען שאפן אייז דאמבעס וועלכע קענען גורם זיין פלייצונגען אין דערנעבנדע ערטער. פובליק און פריוואטע שניי אוועקפיר אפערעיטערס זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער די זיכערהייט ענינים דורכאויס און נאכ'ן שטורעם. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. זיבן זעג מאנשאפטן שטייען גרייט צו ארויסהעלפן אוועקנעמען אראפגעפאלענע בוימער און צווייגן פון געסער. פארק באזוכער זאלן קוקן אויף parks.ny.gov אדער רופן זייער ארטיגע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס וועגן פארק שעה'ן, עפענונגען, און פארשליסונגען.

**ניו יארק פאַווער אויטאריטעט / קאנאל קארפארעישען**

די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט און דער קאנאל קארפארעישען שטאב פירן דורך פארברייטערונגען צו פארזיכערן אז אלע איינריכטונגען און אפרוף-מיטלען און געצייג זענען גרייט און פארזיכערט. די פאַווער אויטאריטעט איז גרייט צו שטיצן אקטיוויטעטן צוריקצוברענגען עלעקטריציטעט אויב נויטיג.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי**

די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן. שנעלקייט איינצוימונגען קענען מעגליך זיין אין עפעקט ביי די בריקן, ווי אויך לענגאויס די וועגן וועלכע פירן צו און אוועק פון זיי. פאסאזשירן וועלכע נוצן די פארט אויטאריטעט'ס איינריכטונגען ווערן ערמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט טראנספארטאציע באס פירמעס און לופטליניעס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן סיי דילעיס און קענסעלעישענס. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט פאסיליטעטן, ביטע קוקט איבער סאושעל מידיע, שרייבט אייך איין פאר PA ווארענונגען אדער דאונלאוד'ט איינע פון די PA מאבייל עפפס, אריינגערעכנט RidePATH וועלכע טוט צושטעלן עכטע-צייט אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**

די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האלט א נאענטע אויג אויף וועטער אומשטענדן צו פארזיכערן זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע נושאים און אוועקפירן סיי וועלכע אראפגעפאלענעביימער וועלכע קענען פאלן איבער באן רעלסן.

MTA בריקן און טונעלן וועלן פארבאטןליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע טראקס אנגעהויב פון 8:00 אוונט דאנערשטאג ביז 8:00 אוונט פרייטאג. פיסגייער וועגן אויף די קראָס בּעי און מארין פּארקוועי בריקן וועלן זיין פארשלאסן דורכאויס די זעלבע צייט אפשניט; פיסגייער וועגן אויף די RFK און הענרי האָדסאן בריקן וועלן מעגליך אפגעשפארט ווערן געוואנדן אין די וועטער אומשטענדן.

פאסאנזשירן זענען ערמוטיגט צו קוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אָפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די באנען. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA'ס עפּס: MYmta און TrainTime.

**<u>זיכערהייט עצות</u>**

ווינטער רייזן זיכערהייט
די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. איידער איר פאנגט אן דרייוון, חזר'ט איבער די זיכערהייט עצות:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו׳ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- מאכט זיכער אז אייער קאר איז קלאר פון אייז און שניי; צו זעהן גוט איז די שליסל צו גוטע דרייוון.
- איר זאלט אייביג צוגלייכן אייער שנעלקייט צו די וועגן און וועטער אומשטענדן. פלאנירט אייער אפשטעלונגען און האלט אן א גרעסערע ווייטקייט צווישן קארן.
- זייט ספעציעל וואכזאם און געדענקט אז שניי זאמלונגען קענען באהאלטן קלענערע קינדער.
- מאכט זיכער אז איר האלט אין אייער קאר איבערלעבן געצייג ווי דעקעס, א שאוול, פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס, איבעריגע ווארעמע קליידונג, סעט פון רעדל קייטן, באטערי בוסטער קעיבלס, עסן וואס געבן שנעל כח און ליכטיגע קאלירטע שמאטע צו נוצן אלץ א הילף פאן.
- אויב איר האט א סעלפאָן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-ווער ראדיאו, דאן האלט די באטעריעס געטשארדזשט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט.

**קאַלטע וועטער זיכערהייט**

- זייט וואכזאם וועגן ווינט טשיל - ווינט אינאיינעם מיט דעם אקטועלן טעמפעראטור - וואס קען שאפן א פארמערונג פון היץ פארלוסט צו די מענטשליכע קערפער.
- טוט זיך אן פאסנד און פארמיידט צו בלייבן צו לאנג אין די קעלט.
- טראגט א הוט און הענטשיך ווען פאסיג מיט שיכטן פון קליידונג. פארמיידט אומנויטיגע אויסשטעלונג צו די קעלט פון סיי וועלכע חלק פונעם קערפער.
- טרונקט גענוג ווארעמע געטראנקן אדער ווארעם וואסער אבער פארמיידט קאפין און אלקאהאל. בלייבט אקטיוו צו אנהאלטן קערפער היץ.
- נעמט אפטע אפשטעלונגען פון די קעלט.
- אויב איר האט סיגנאלן פון הייפאטערמיע אדער פראסטביס, גייט אוועק פונעם קעלט, ווארעמט פעמעליך אן דעם מענטש און זוכט מעדעצינישע הילף:

-'פראָסטבייט' (פראסטיגע ביס): סימפטאמן רעכנט אריין פארלוסט פון שפירן, א ווייסע אדער העלע אויסזען אין פינגערס, פיס פינגער, אויערן, און נאז.
-הייפּאָטערמיע: סימפטאמן רעכנט אריין אומקאנטראלירבארע ציטערניש, רעדן שטייט, פארלוסט פון זיכרון, אראפפאלן אפט און זיין שלעפעריג.

**ווערן אויסגעמוטשעט**

ווערן אויסגעמוטשעט, אזוי ווי שארן שניי, אוועקנעמען מיסט אדער שטופן א קאר, פארמערט די ריזיקע פון א הארץ אטאקע. פאלגט אויס די עצות צו בלייבן זיכער נאך דעם שטורעם:

- בלייבט ווארעם, טוט זיך אן ווארעם און פארט שטייטער ווען איר ארבעט אינדרויסן.
- נעמט אפטע הפסקות זיך צו פארמיידן פון ווערן צו אויסגעמוטשעט
- אויב איר פילט ווייטאג אין די ברוסטקאסטן, א קורצע אטעם אדער ווייטאג אין די באק וואס ציהט זיך אראפ אייער ארעם, שטעלט זיך באלד אפ און ווענדט זיך באלד פאר הילף.

**קורצשלוסן**
ווינטער שטורעמס קענען פאראורזאכן קורצשלוסן. חזר'ט איבער די זיכערהייט עצות איידער די לעקטער גייט אויס כדי איר זאלט וויסן וואס צו טון אין אן עמערדזשענסי:

- רופט אייער יוטיליטי פראוויידער זיי צו מעלדן וועגן דעם קורצשלוס.
- פארמיידט אלע אראפגעפאלנע פאוער ליניעס און באריכט זיי צו אייער יוטיליטי פראוויידער פאר פאררעכטונג; באטראכט אלע אראפגעפאלנע ליניעס צו האבן לעבעדיגע עלעקטריציטעט.
- נוצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג - ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלט אייער פרידזשידער און פריזער טירן פארמאכט צו פארמיידן עסן פון זיך פארשימלען. ווען איר האט א ספק,ווארפט עס אוועק!
- נוצט נישט א טשארקאויל גריל אדער גענעראטאר אינעווייניג און נוצט נישט א גאז אויוון פאר הייצונג- וויבאלד זיי געבן ארויס שעדליכע מאסן פון קארבאן מאנאקסייד.
- שפארט אפ הויפט אפלייענסעס צו פארמיידן שאדן פון א מעגליכע סורזש ווען די עלעקריציטעט קומט צוריק-האלט איין לעקטער אנגעצונדען כדי איר זאלט וויסן ווען די עלעקטריציטעט קומט צוריק.

**היים הייצונג**
הייצונג געצייג איז איינע פון די הויפט אורזאכן פון היים פייער טויטפאלן. האלט אייער באליבטע זיכער דורך אויספאלגן די וויכטיגע שריט:

- האלט אלע קאמבאזטיבלס כאטש דריי פיס אוועק פון הייצונג געצייג.
- טוט אייביג איינשטעקן אפלייענסעס אריינגערעכנט היטערס גלייך אריין צו א פלאג. קיינמאל איינשטעקן אפלייענסעס אין א פאוער סטריפ אדער עקסטענשאן קארד.
- מאכט זיכער אז איר האט רויך אלארמס וואס ארבעטן אין יעדע שלאף צימער, אינדרויסן פון יעדע שלאף ארט, און אויף יעדע שטאק פון אייער הויז.

פאר אלע נישט קיין עמערדזשענסי סערוויס געברויכן איידער, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט nys.org211.

פאר מער זיכערהייט עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס זיכערהייט עצות וועבזייטל אויף www.dhses.ny.gov/safety.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418